# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת נח | שנת תשע"ב לפ"ק

## מילי דחסידותא

**נח איש צדיק תמים היה בדורותיו:** וברש"י יש דורשין אותו לשבח ויש דורשין אותו לגנאי.

זאגט דער הייליגער **ישמח ישראל זי"ע** בשם אביו **הרה"ק רבי יחיאל מאלכסנדר** זי"ע מסביר צו זיין דאס ענין פון די צוויי שיטות, ווייל עס איז ידוע אז יעדער איד מוז האבן בײדע מידות פון ענוה מיט גאות. כאטש וואס געווענליך ווען מ'געפונט זיך צווישן ערליכע אידן דארף מען זיך פירן מיט ענוה און יראת השם, אבער ווען מ'קומט צווישן רשעים דארף מען האבן גאות, ווי דער פסוק זאגט ויגבה לבו בדרכו ה'.

לויט דעם קען מען זאגן אז די בײדע שיטות גייען צוזאמען, אז נח האט געהאט בײדע בחינות, **לפי דורו היה צדיק**, אז קעגן די רשעים פון זיין דור האט ער זיך געפירט מיט גאות און שטאלץ, און ער האט זיך נישט געשעמט פון זייערע לצנות פון זיין עבודה, אבער **אילו היה בדורו של אברהם**, ווען ער איז ווען צווישן צדיקים, **לא היה נחשב לכלום**, וואלט ער אליין זיך נישט געהאלטן פאר גארנישט, נאר ער וואלט זיך געפירט נאר בענוה ויראת השם.

## דרש דרש

**נח איש צדיק תמים היה בדורותיו:** וברש"י יש דורשין אותו לשבח ויש דורשין אותו לגנאי, אין מס' סנהדרין (דף ק"ח ע"א) ברענגט דאס די גמרא אלס מחלוקת ר' יוחנן ור"ל, ר"י איז דורש לגנאי, און ר"ל איז דורש לשבח. דארף מען פארשטיין אין וואס קריגן די צוויי שיטות.

זאגט דער הייליגער **עצי חיים זי"ע** לויט דעם וואס תוס' איז מסביר די משנה אין אבות (פ"א מ"ב) אז מ'זאל נישט דינען דעם אייבערשטן ע"מ לקבל פרס, דאס איז נאר ווען מ'דינט אויף אן אופן אז אויב מ'באקומט נישט דעם שכר האט מען חרטה אויף דעם וואס מ'האט געטון די מצוה, אבער אויב מ'האט נישט חרטה דעמאלטס מעג מען יא.

לויט דעם קען זיין אז נח האט געדינט דעם אייבערשטן עמלקב"פ, און דאס זאגט רש"י **נח היה צריך סעד לתומכו**, ווייל ער האט געדינט אויפן אופן פון קבלת שכר און יראת העונש. דאס זאגט דער פסוק **צדיק תמים היה**, ער איז געווען גערעכנט פאר א צדיק, אפילו **את האלקים התהלך נח**, אז ער האט געטון זיין עבודה מיט א סעד לתומכו ע"מ לקב"פ.

דער **ייטב פנים** (לש"ש מאמר שוב אשוב אוכ"ח) טוט אויף אז דער מ"ד וואס האלט מצות צריכות כונה, אז יעדע מצוה מוז געטון ווערן דוקא לשם שמים אנדערש איז מען נישט יוצא, האלט אז מ'טאר נישט דינען השי"ת ע"מ לקב"פ, דער מ"ד וואס האלט מצות אין צריכות כונה, האלט אז מ'מעג יא דינען דעם אייבערשטן ע"מ לקב"פ.

אין מס' נזיר דף כ"ג טרעפן מיר א מחלוקת ר"י ור"ל, אויב איינער האט געגעסן קרבן פסח מיט א כונה צו זעטיגן זיין הונגער, ר"י זאגט אז ער איז א רשע, און ר"ל טענה'עט אז ער האט יוצא געווען עס איז נאר נישט מצוה מן המובחר. קומט אויס אז ר"י האלט מצות צריכות כונה, און ר"ל האלט מאצ"כ.

לויט דעם פארשטייען מיר די מחלוקה, ר' יוחנן האלט מצות צריכות כונה, מילא אויב נח האט געדינט השי"ת ע"מ לקב"פ איז מען נישט יוצא, וועגן דעם איז ער דורש לגנאי, משא"כ ר"ל האלט מצות אצ"כ, מילא מעג מען דינען ע"מ לקב"פ, מילא איז ער דורש לשבח.

**כי מלאה הארץ "חמס" מפניהם:** דער הייליגער **חוזה מלובלין זי"ע** האט אמאל געזאגט שבת פר' ויחי א תורה אויפן פסוק **אנא שא נא פשע אחיך וחטאתם** (וואס מיר וועלן בע"ה דריקן אינעם עולת שבת פר' ויחי), וואס לויט דעם איז אויסגעקומען אז מ'טייטשט א ר"ת אויפן שם ה'.

ווען **הרה"ק רבי משה סאווראנער זי"ע** האט געהערט די תורה האט ער דאס אוועקגעמאכט ווייל מ'טייטשט נישט קיין דרושים אויף א "שם".

ווען דער **אפטער רב** האט געהערט אז ר' **משה סאווראנער** האט אוועקגעמאכט די תורה, איז ער זייער ברוגז געווארן אויף אים, ווייל די תורה פונעם הייליגן חוזה איז אים זייער געפאלן. האט ער גוזר געווען אז רבי משה סאווראנער זאל ח"ו נישט אויסלעבן דאס יאר ר"ל.

ווען רבי משה'לע האט דאס געהערט האט ער זיך זייער דערשראקן, און ער האט געשיקט שליחים צום אפטער רב, בעטן אז ער זאל אראפנעמען די גזירה, אבער דער אפטער רב האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט. עס זענען אזוי אריבערגעלאפן עטליכע חדשים, ביז ווען רבי משה'לע האט באשלאסן אז ער פארט אליין אריבער צום אפטער רב אים בארוהיגן, און ער איז אנגעקומען צו אים אין פר' נח, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל צוריקציען די גזירה, דער אפטער רב האט נאך נישט געוואלט.

נאך לאנגע הפצרות האט דער אפטער רב געזאגט "דער חוזה האט געזאגט א תורה וואס איז מיר שטארק געפאלן, אויב איר קענט מיר זאגן א תורה וואס וועט מיר געפעלן, וועל איך צוריק ציען די גזירה.

האט רבי משה'לע דאן געזאגט אזוי:

**כי מלאה הארץ "חמס" מפניהם:** רש"י ברענגט לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל. לכאורה לויט דעם פארוואס שטייט אין פסוק כי מלאה הארץ '**חמס**' און נישט 'גזל'. גזל מיט חמס איז דאך צוויי באזונדערע זאכן, א גזלן באצאלט נישט פאר זיין גזילה, און א חמסן באצאלט יא.

אויך דארף מען פארשטיין ווייטער אין פסוק שטייט **וזה אשר תעשה אותה, שלש מאות אמה אורך התיבה חמשים אמה רחבה ושלושים אמה קומתה וגו' ואל אמה תכלינה מלמעלה** לכאורה וואס זענען געווען די מאָסן פון די תיבה, סײווי האבן די גרויסע עלעפאנטן און וויזל-טיר נישט געהאט קיין פלאץ אין די תיבה, און מ'האט געדארפט האבן נסים אז די תיבה זאל זיין א מועט המחזיק את המרובה, פארוואס האט דער רבש"ע געזאגט אז די תיבה זאל זיין פונקט אזוי גרויס, הויך, און ברייט.

ענטפערט **הרה"ק רבי משה סאווראנער זצוק"ל** אז עס איז ידוע (עפ"י קבלה) אז אלע שלעכטס וואס קומט אויף די וועלט שטאמט מכח דעם **נחש** הקדמוני און דער **סמא"ל**. אבער דאס ווארט **נח"ש** איז נישט דאס גאנצע ווארט שלעכט, נאר דער אות **ח'**, ווייל השי"ת האט צוגעלייגט צום ח' דער אות נ' פון שם **אדנ"י**, און דער אות ש' פון שם **שד"י**. אזוי מאכט עס **נח"ש**, כדי דאס זאל ממתיק זיין דאס שלעכטס פונעם אות ח'. און די זעלבע **סמא"ל** איז די ס"מ די שלעכטע אותיות, אין די אותיות **א"ל** איז צוגעלייגט כדי ממתיק זיין.

דער רבש"ע האט געזאגט פאר נח אז די וועלט טויגט נישט, **כי מלאה הארץ חמ"ס**, די וועלט איז פול מיט דעם אות **ח'** פון נחש און **ס"מ**, פון **סמא"ל**, און דאס ווייזט ווי שלעכט דער מצב איז, און פארדעם דארף מען ברענגען דעם מבול.

האט אים דער אייבערשטער געזאגט אז יעצט איז די עבודה מגביר צו זיין דעם חלק הטוב איבערן חלק הרע. האט ער געהייסן די ערשטע זאך, "**שלש מאות אמה אורך התיבה**", דאס איז דער ש' פון נח'ש, "**וחמישים אמה רחבה**" דאס איז דער נ' פון נ'חש, **ושלשים אמה קומתה** דאס איז דער ל' פון סמא"ל, "**ואל אמה תכלנה מלמעלה**" וואס דאס איז דער א' פון סמא"ל.

ווען דער אפטער רב האט געהערט די תורה האט ער זייער הנאה געהאט, און ער האט מבטל געווען די גזירה וואס ער האט ארויסגעגעבן אויף רבי משה'לע זי"ע.

